# פֿון „מערפֿלי הנוער״ („פֿון די טונקלענישן פֿון די יונגע יאָרן״)

## פֿון מיכה-יוסף בערדיטשעווסקי (1921-1865)

אַ לאַבן ברויט

כ׳בין נאָך געווען אַ יִנגל דעמאָלט.

דער טאַטע איז געווען אַ רבֿ אין אַן אומגליקלעכער שטאָט און זײַן הכנסה איז געווען אַ קליינע. פֿון דער מאַמעס טאַטן איז געבליבן אַ קליינע ירושה ווי אַן אויסהאַלט, און נאָר דעם פּראָצענט האָב איך באַקומען יאָר-אײַן יאָר-אויס. עס האָט גראָד דאָס אויסגעלייגט זײַן צווייטע פֿרוי צוליב אירע קינדער. קיין שלעכטע פֿרוי איז זי ניט געווען בכלל, נאָר זי האָט געטאָן וואָס ס׳איז איר געווען צום האַרצן . . .

האָט זי אײַנגעשפּאָרט און אונדז געגעבן צו יעדן שיסל הייס וואַסער, וואָס מיר האָבן געטרונקען אין דער פֿרי און אין אָוונט, נאָר איין שטיקל האָניק, וואָס מיר האָבן דערפֿון געלעקט צו ביסלעך צווישן יעדן זופּ.

מע האָט געזאָגט, אַז בײַ די גבֿירים איז מען זיך נוהג צו לאָזן דעם האָניק צעגיין אין הייסן וואַסער און טרינקען עס ווען ס׳איז זיס. צו מאָל, ווען דער טאַטע האָט זיך צעקרעכצט, האָט די שטיפֿמאַמע אים צוגעגרייט דאָס וואַסער אויף אַזאַ אופֿן, און כ׳האָב אים מקנא געווען . . .

אין איינער אַ זומערנאַכט, איז דער סאַמאָוואַר געשטאַנען אויפֿן טיש, מיט גענוג הייסן וואַסער פֿאַר אַלעמען. נאָר די שטיקלעך האָניק זײַנען שוין אויסגעשעפּט געוואָרן פֿון שטוב. בלויז פֿון צעמאָלענעם האָניק איז פֿאַרבליבן אַ ביסל, און מע קען אים ניט ניצן אָן אַרײַנצולייגן אים אין הייסן וואַסער אַרײַן. האָט זי אונדז ניט געגעבן קיין וואַסער אין יענער נאַכט.

די שטיפֿמאַמע איז געגאַנגען אין צווייטן צימער. דער טאַטע האָט געזען, וויפֿל כ׳וויל דאָס הייסע וואַסער, און ער האָט בשתּיקה דערלויבט מיר אַרײַנצולייגן דעם האָניק אין איין שיסל.

כ׳שלינג נאָך דאָס זיסע, הייסע וואַסער, און אָט קומט זי אָן. זי פֿאַלט אַרײַן אין כּעס, זי כאַפּט אויף דאָס שיסל הייסע וואַסער און גיט עס אַ גיס אויס אויף דער פּאָדלאָגע. כ׳בין געשפּרונגען פֿון מײַן אָרט און געזידלט זיך. . .

דער טאַטע איז דערשטוינט. כ׳בין אויך דערשטוינט אויף דעם וואָס כ׳האָב אָפּגעטאָן. כ׳האָב געמוזט עסן אַליין. די ברידער האָבן זיך אָפּגעווײַטערט פֿון מיר, מע האָט מיך אַרײַנגעלייגט אין חרם.

כ׳בין אַ יִנגל געווען, און כ׳האָב ביז דעמאָלט גאָרניט געוווּסט פֿון קיין געפֿילן פֿון איינזאַמקייט. כ׳האָב דערפֿילט דעם ווייטיק קעגן מײַן שם, און כ׳האָב זיך צעשריגן אויף די עלטערן.

און געווען איז דער טאָג, בײַם שפּראָץ טאָג בין איך אויפֿגעשטאַנען און פֿאַרלאָזט דעם טאַטנס היים.

כ׳בין אַרויס אין פוסטן פֿעלד אויסער דער שטאָט. אין די זומערטעג איז דאָס געווען אַ פֿיטערפּלאַץ פֿאַר די שוואַכסטע פֿון דער טשערעדע. אין די ווינטערטעג איז די גראָז געשטאָרבן און פֿאַרדעקט געוואָרן מיט שניי.

ווינטמילן זײַנען דאָרטן אויך געווען, שוין פֿון לאַנג חרובֿע, און אויך אַ שפּילפּלאַץ פֿאַר קינדער, ווען זיי זײַנען פֿרײַ פֿון חדר אין די רו-טעג.

כ׳בין געזעסן אויף די טרעפּ. כ׳האָב ניט געוווּסט ווו כ׳געפֿין זיך. מע האָט מיך געזוכט און ניט געפֿונען.

הונגעריק בין איך געווען אַ גאַנצן טאָג, און אויך געפֿילט אַ מין פחד בײַם צעשפרייטן זיך פֿון די אָוונט-שאָטנס.

כ׳בין געזעסן אונטערן פֿרײַען הימל און זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט אַרום זיך. מיר איז די זאַך ניט קלאָר, און די ניט קיין נעכטיקע געפֿילן האָבן מיך געשטויסן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע מענטשהייט איז פֿאַרווישט געוואָרן, און כ׳בין איינער אַליין.

פלוצעם האָב איך דערשפּירט בײַ מיר אינעווייניק אַזעלכע געפֿילן פֿון רחמים, רחמים ניט צו פֿאַרטראָגן און אָן גאָרניט וואָס זאָל אים אויסהאַקן אַ וועג. כ׳האָב אויפֿגעהויבן די אויגן, ערשט אַ מיידל וואָס קומט פֿון דער טשערעדע מיט איר טאַטנס ציגל, וואָס גייט פּאַמעלעך. דאָס מיידל איז אַ פּרעכטיקס, אירע אויגן הימל בלויע און גאָלדענע האָר וואָס באַקרוינען איר קאָפּ.

זי שטייט פֿאַר מיר מיט אין דער פּראַכט פֿון איר חן, לייגט די האַנט אַרײַן אין קויש און דערלאַנגט מיר אַ לאַבן ברויט.

נאָר איין וואָרט האָב איך געוואָלט איר זאָגן, און זי גייט גיך אַוועק פֿון מיר. כ׳זע נאָך איר שאָטן, און דערנאָך איז אויך דאָס ניטאָ . . . דער גלאַנץ איז געקומען און געגאַנגען . . . דאָס פנים איז מיר פֿינצטער געוואָרן, און כ׳האָב זיך צעוויינט. -

פֿאַרלאָפֿן זײַנען פֿיל טעג מיט די גילגולים פֿון זייערע געשעענישן, כ׳האָב סײַ ליב, סײַ פֿײַנט געהאַט, און פֿיל געזען. נאָר דעם פּאַרשוין פֿון יענעם מיידל איז געווען דער ערשטער וואָס כ׳האָב באַגעגנט אין די טעג פֿון מײַן נישטיקייט, און אויך זי וועל איך ניט קענען פֿאַרגעסן . . .

התגלות

. . . ביז יענעם טאָג האָב איך נאָך געגלייבט אין שׂטן אויף האַלב, און אים געמאַכט פֿאַר אַ מין חומר. כ׳האָב אים ניט געזען מיט קיין אויגן פֿון גוף, נאָר געלערנט מיר זײַנע וועגן האָבן סײַ די ספֿרים פֿון טאַטנס שטוב, סײַ איך אַליין.

דער טאַטע האָט מיר געלערנט צו זאָגן, אַז די גאַנצע דרויסנדיקע וועלט איז מעשׂה-שׂטן. . . . די ערד איז דער שׂטן און אַלץ וואָס ווערט געזען דורך די אויגן איז נאָר מעשׂה-שׂטן. שיינע ביימער, שיינע פּיטערפלעצער, שיינע פֿעלדער, פּרעכטיקע וועלדער - זיי זײַנען געווען אַ מין אויגן-פֿאַרכאַפּעניש פֿונעם שׂטן און זײַן געהילף. גאָט זאָל אָפּהיטן מיר זאָלן ניט הערן זײַן קול; מיר זאָלן פֿאַרמאַכן די אויגן, מקיים צו זײַן וואָס שטייט געשריבן: פֿאַרמאַכט די אויגן פֿון זען דאָס שלעכטס . . .

דאָס שלעכטס - דאָס איז אַלץ וואָס מע טוט ניט צוליב גאָט ברוך-הוא און ניט צוליב זײַן איינקייט. דאָס שלעכטס איז ניט קיין אַבסאָלוטס, אַזוי ווי דאָס גוטס איז ניט קיין אַבסאָלוטס; נאָר דער שׂטן וועגט יעדע זאַך צום שלעכטן . . . ער הערשט איבער אַלץ און זײַן האַנט ליגט אויף אַלץ . . .

דעמאָלט בין איך נאָך ניט געווען אויפֿגעקלערט, און כ׳האָב נאָך ניט געלייענט קיין דרויסנדיקע ביכער; נאָר עס האָט זיך שוין געהאַט אויפֿגעוועקט אין מיר די נייטיקייט צו פֿאַרשטיין און צו פֿילן. די באַהאַלטענע זאַכן פֿון דער וועלט האָבן זיך אין מיר אַרײַנגעגנבֿעט . . .

אין איינעם פֿון יענע טעג, אין מיטן יענעם זומער, האָב איך דערשפּירט דעם פּראַכט פֿון דער שיינקייט. דווקא אין יענעם טאָג האָב האָט זיך געשטאַרקט מײַן גאָטספֿאַרכטיקייט, און מיר האָט זיך פֿאַרוואָלט צעקלאַפּן דעם שׂטן דורך גרויסער פֿלײַסיקייט אין לערנען. אָט זיץ איך איבער אַ גרויסן ספֿר, און כ׳קלער אין דעם אַרײַן, נאָר אָן צו פֿאַרשטיין דעם טײַטש פֿון די ווערטער . . .

פּלוצעם האָט מיך פֿאַרכאַפּט אַ גײַסט אַרויסצוגיין אין דרויסן. כ׳האָב געזאָגט דעם טאַטן, אַז כ׳גיי אין קראָם אַרײַן קויפֿן טינט. נאָר שוין געשטאַנען אויף יענער זײַט טיר האָב איך זיך געקערט פֿון וועג. מײַן געבוירן-שטאָט איז געווען אַ קליינע, נאָר אַרומגענומען אַ גרויסן שטח.

אָט דאָ, אויסער די שטאָט-טויערן, פֿעלדער תּבֿואה - און אויפֿן קיניגלעכן וועג וואָס גייט דערצווישן שטייען שאָטנביימער.

אַ לויטער ווינטל רירט אָן די תּבֿואה, און כ׳קוקט זיך צו צום שפּילעניש פֿון די כוואַליעס.

די זון שטייט אויבן אין די הויכע הימלען. די נאַטור איז אויסגעשפּרייט פֿאַר מיר - בײַ מיר אין האַרצן וועקט זיך אויף עפּעס-וואָס . . .

פּלוצעם גיב איך אַ רוף אַרויס, אַזוי צו זאָגן: ניין! די הימלען זײַנען ניט דער שׂטן! די זון איז ניט דער שׂטן! און די ביימער זײַנען ניט די קינדער פֿון שׂטן! די וועלט איז ניט פֿאַרפֿעלשט געוואָרן פֿונעם שׂטן.

כ׳שטיי אַ פֿאַרפּלעפֿטער און אַן אויפֿגערעגטער. אַלץ וואָס אין מיר דערהייבט זיך. אָט דאָ נעם איך אַרום אַ בוים, כ׳שטיי אויף זײַן שאָטן, כ׳נעם אים אַרום מיט אַלע רוישעונישן פֿון מײַן נשמה.

ייִדיש: שלום בערגער